**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שלאגט פאר איניציאטיוון וועלכע מאכן רעגירונג ארבעטן בעסער צו צושטעלן עפיציענט, קאנסיומער-פריינטליכע סערוויסעס וועלכע שפארן שטייערצאלער דאלארס**

***שאפן א קאפיטאל פראיעקטן דעשבארד און פובליק-אויסגעשטעלטע פראפערטי אינווענטארי מאפע צו פארבעסערן דורכזיכטיגקייט און עפיציענץ***

***פארמערן צוטריט צו רעגירונג סערוויסעס אין הויכע געברויכן געמיינדעס***

***שאפן א סטעיט אפיס פון אינאוואציע און עפיציענץ***

***טרייבן סייבער זיכערהייט פון נעטווארקס, פארמערן טרענירונג פאר רעגירונג איינגעשטעלטע***

***מאדערניזירן די פראצעדור פאר דיגיטאלע ארבעט פאפירן פאר צענעריערלינגען צו גרינג מאכן פראצעדור און פארמינערן יאך פאר באשעפטיגער***

***פארמערן געלעגנהייטן פאר MWBE'ס און בויען קאפיטאל פראיעקטן שנעלער***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנטפלעקט א טוץ פון איניציאטיוון אנטוויקלט צו מאכן די רעגירונג ארבעטן שנעלער און מער עפיציענט פאר אלע ניו יארקער אלץ א טייל פון איר 2025 סטעיט פון די סטעיט. ספיציעל, די גאווערנער שלאגט פאר צו פאראויס ריקן א סעריע רעפארמען אנטוויקלט צו זיכער מאכן אז די ניו יארק סטעיט רעגירונג ליפערט אויף די אינפראסטרוקטור פראיעקטן וועלכע טוישן און פארבעסערן לעבענס.

"רעגירונג זאל ליפערן, ליפערן עפיציענט און עפעקטיוו ווייל דעס איז וואס דיין שווער פארדינטע געלט צאלט פאר," **גאווערנער Hochul (האקול) האט געזאגט.** "די קאסטאמער סערוויס געטריבענע פארשלאגן זענען אנטוויקלט צו פארזיכערן אז אונז ארבעטן שווער צו צושטעלן קוואליטעט סערוויסעס וועלכע זענען פאקוסירט אויף צושטעלן גרינגע, מאדערנע סערוויסעס צו אלע ניו יארקער אין יעדע ווינקל פון די סטעיט."

**פארמערנדיג שנעלקייט, אייניגקייט און עפיציענץ אין קאפיטאל פראיעקט ליפערונג**

**פארברייטערן אלטערנאטיווע פראיעקט ליפערונג מעטאדן**
סטעיט געזעץ שרייבט פאר וויאזוי אגענטורן און אוטאריטעטן מוזן אויספירן קאפיטאל פראיעקט ליפערונג. פולע סטעיט אגענטורן און אוטאריטעטן זענען באגרעניצט צו א שמאלע אויסוואל פון ליפערונג צוגענג, א שטייגער ווי אנטוויקלונג-ביד געבוי. טראץ דעם וואס די יעצטיגע אוטאריזירטע מעטאדן זענען גוט געפאסט פאר געוויסע פראיעקטן, זיי זענען נישט די בעסטע צוגעפאסט פאר אלע. געוואנדען אויף א

פראיעקט'ס גרויסקייט, נאטור און צייט אפשניט, אלטערנאטיווע פראיעקט ליפערונג צוגענג אזוי ווי פראגרעסיווע דיזיין געבוי, אויפבוי מענעדשער געבוי און אויפבוי מענעדשער אלץ בויער קענען זיין מער צוגעפאסט און ליפערן מער פראיעקטן שנעלער און קאסט-עפעקטיוו. אלטערנאטיווע ליפערונג צוגענג ערלויבן אויך פאר פארברייטערטע באנוץ פון בעסטע ווערט אויסוואל, צושטעלענדיג א מער גלייכע שפיל ארט פאר קליינע און ארויסקומענדיגע פירמעס און שטיצענדיג פארמערטע מינאריטעט און פרויען באזיצטע ביזנעס ענטערפרייז (Minority- and Women-Owned Business Enterprise (MWBE) אנטיילנעמונג. צו פארבעסערן די עפיציענץ פון פראיעקט ליפערונג און ווייטער שטיצן MWBE צוטריט צו פאבליק קאנטראקטן, גאווערנער Hochul (האקול) וועט ארבעטן צו אמענדירן די אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג אקט און אנדערע רעוועלאנטע סאטוטען צו צושטעלן פאר אגענטורן און אויטאריטעטן מער בויגזאמקייט אין ווי אזוי זיי ליפערן פראיעקטן און פארזיכערן אז זיי קענען נוצן די בעסטע געצייג פארן דשאב.

**פארמערן געלעגענהייטן פאר מינאריטעט און פרויען באזיצטער ביזנעס ענטערפרייזעס אין סטעיט פארשאפונג**

פובליק שאפן פון קאנטראקן אין ניו יארק סטעיט איז אויסגעשטעלט צו א ברייטע טוך פון איבערזוכטן און באשטעטיגונגען. צו פארמערן דאס אנטיילנעמונג פון MWBE'ס אין סטעיט קאנטראקטירונג ווען אויך פארשנעלערן די פארשאפן פראצעדור, אגענטורן און אוטאריטעטן זענען גענצליך אדער טיילווייז באפרייט פון געוויסע פארשאפונג פארלאנגען ווען מאכענדיג איינקונפטן פון ביז $750,000 פון סערטיפירטע MWBE'ס. בויענדיג אויף די סוקסעס פון די מאדעל, גאווערנער Hochul (האקול) שלאגט פאר צו פארמערן די איינקונפט באגרעניץ פאר MWBE'ס צו 1.5 מיליאן דאלאר, ברענגענדיג די סטעיט'ס גרעניץ גלייך מיט די פון די MTA און ניו יארק סיטי. גלייך מאכן די באגרעניצן וועלן פארמערן עפיציענץ ווען אויך שטיצן די גאווערנער'ס פארפליכטיגונג צו אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר MWBE פירמעס.

**נוצן די דארמיטארי אוטאריטעט'ס (Dormitory Authority) עקספערטיז צו פארשנעלערן מוניציפאליטעט פראיעקטן**

געמיינדעס איבער די סטעיט דארפן אינוועסטירונג צו אויפבויען די פארקס, אינפראסטרוקטור און שטאנדהאפטיגקייט פראיעקטן, און אנדערע מוניציפאליטעט איינריכטונגען וועלכע טוהן אינטערמויערן אונזער געמיינדעס און מאכן ניו יארק אזא אטראקטיווע פלאץ צו וואוינען. מאכענדיג די פראיעקטן ווערן פארענדיגט שנעלער און אויף וויניגער קאסט וועט בענעפיטירן געמיינדעס איבער די סטעיט.

צו געבן לאקאלע רעגירונגען די מעגליכקייט צו נוצן נייע רעסארסן אדער פארשנעלערן פראיעקט דיזיין און איינפירונג, גאווערנער Hochul (האקול) וועט פאראויסריקן לעגיסלאציע צו ערלויבן מוניציפאליטעטן צו נוצן דארמיטארי אוטאריטעט פון די סטעיט פון ניו יארק'ס ברייט באקאנטע פלאנירונג, דיזיין, פארשאפונג און אויפבוי מענעדשמענט סערוויסעס פאר פראיעקטן. די לעגיסלאטיווע טויש וועט העלפן אינטערסירטע מוניציפאליטעטן שניידן מער ריבאנס אויף מער אמביציעזע פראיעקטן.

**פארברייטערן פון-פאראויס קוואליפיצירטע ליסט אוטאריטעט**

ווענדאר פון-פאראויס קוואליפיקאציע איז די פראצעס פון אפשאצן ווענדארס און קאנטראקטער צו פארזיכערן זיי קומען נאך ספעציפישע קוואליפיקאציעס פאר זיי קענען אריין געבן א ביד אויף א פראיעקט. סטעיט געזעץ אוטאריזירט פולע מוניציפאליטעטן איבער די סטעיט זיך צו באנוצן מיט ווענדאר פון פאראויס קוואליפיקאציע פראקטיצירונגען צו פארזיכערן אז קאנטראקטן זענען געשאנקען נאר צו שטארק פעיגער און קוואליפיצירטע קאנטראקטן וועלכע קענען ליפערן הויך קוואליטעט ארבעט אויף צייט און אין בודשעט. סטעיט אגענטורן און אוטאריטעטן האבן נישט ענדליכע ברייטע אוטאריטעט צו פון פאראויס קוואליפיצירן ווענדארס און זענען נארמאל פארלאנגט צו אשטאט דעם נאכן געשאנקען צו די נידריגסטע רעספאנסיוו און פאראנטווארטליכע בידער צווישען אלע וואס ענפערן, וועלכע קען פאסן א

ספּיציעלע שוועריגקייט פאר ארויסקומענדיגע און MWBE פירמעס. כדי צו קענען פארגרינגערן די פארשאפונג פראצעדור דורך פארזיכערן בידס איבערגעקוקט און אויסגעוועלט זענען פון פאסיגע ווענדארס, גאווערנער Hochul (האקול) וועט פארברייטערן די אויטאריטעט פאר באנוץ פון פון פאראויס קוואליפיצירטע ליסטס צו סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן.

**גרינג מאכן יוטיליטי ווידערפלאצירונג פאר מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA)** יוטיליטי ווידערפלאצירונגען זענען קאמפלעצירטע באשטיינדלעך פון מעראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (MTA) קאפיטאל פראיעקטן וועלכע פארלאנגען נאנטע מיטארבעטע צווישען אסאך זייטן צו האבן סוקסעס און קען אפטמאל זיין א קוואל פון סיגניפישע פארשפעטונג. צו אדרעסירן די שוועריגקייטן, גאווערנער Hochul (האקול) טוט אנווייזן די MTA און דיפארטמענט פון פובליק סערוויס ( Department of Public Service) צו שאפן א פראצעס צו פארזיכערן פראיעקט פונקטליכקייט און קאארדינאציע צווישען טראנספארטאציע און יוטיליטי דיזיין און אויפבוי. די פראצעס וועט רעזולטירן אין פארמינערטע אויפבוי צייט און ווייניגער אלגעמיינע פראיעקט קאסטן, ווען באשיצענדיג יוטיליטי ראטע באצאלער.

**פארבעסערן עפיציענץ פון רעגירונג פראצעסן**

**דיגיטליזירן יוגענט ארבעט פאפירן**
די פראצעס זיך איינצושרייבן פאר יוגענט ארבעט פאפירן איז אלטמאדיש, געטריבן נאר דורך פאפיר און פעלט קאנסיסטענט, אייניגע דאטא זאמלונג. באשעפטיגער זענען פארלאנגט צו האלטן די פאפיר רעקארדן אויף פייל, און ווערן באטראפען מיט פיינס ווען יוגענט ארבעט פאפירן פעלן. צו מאדערניזירן די פראצעס און פארמינערן די יאך אויף ביזנעסער, גאווערנער Hochul (האקול) וועט פאראויסריקן לעגיסלאציע צו דיגיטיליזירן ארבעט פאפירן פאר מינדעריעריגע און שאפן אן איין-סטאפ פארטאל פאר יונגע מענטשן, קעיר געבער, באשעפטיגער און שולע אדמיניסטראטארן.

**פארבעסערן טרעקינג און דורכזיכטיגקייט פאר סטעיט פארמעגן און קאפיטאל פראיעקטן**
ניו יארק סטעיט'ס סיגניפישע אינוועסטירונג אין קאפיטאל פראיעקטן פעלט א צענטראליזירטע סיסטעם נאכצוגיין פארשיט אדער פארוואלטן אינפארמאציע אויף סטעיט-באזיצטע פראפערטיס. די לאך קאמפליצירט קאארדינאציע איבער אגענטורן און באגרעניצט געלעגנהייטן פאר סטראטעגישע אינפראסטרוקטור פלאנירונג און באנוץ פון סטעיט-באזיצטע פראפערטיס. דעס צו אדרעסירן, גאווערנער Hochul (האקול) וועט שאפן א דאטאבעיס און דעשבארד פאר קאפיטאל פראיעקטן צוזאמען מיט א פובליק-אויסגעשטעלטע פראפערטי אינווענטארי מאפע צו פארבעסערן דורכזיכטיגקייט און עפיציענץ אין פארוואלטן אויף סטעיט פארמעגן.

**שאפן א סטעיט אפיס פון אינאוואציע און עפיציענץ**
סטעיט אגענטורן טוהן אפטמאל זיך מיטשענען צו ווידער דיזיינען אפעראציעס און איינפירן פארבעסערונגען צוליב באגרעניצטע אינהאוז עקספערטיז. דעס צו אדרעסירן, גאווערנער Hochul (האקול) וועט אוועקשטעלן א דעדיקירטע אפיס צו שטיצן אגענטורן דורך צושטעלן אינטערנאל קאנסאלטינג, צענטראליזירטע פראיעקט שטיצע און פערפארמענס טרעקינג. די אפיס וועט ארויסגעבן יערליכע פארשריט באריכטן, פארזיכערנדיג דורכזיכטיגע און מעסטבארער סערוויס פארבעסערונגען פאר ניו יארקער.

**ארומנעמען א סירקיולאר עקאנאמיע ביי די עמפייער סטעיט פלאזא**
די עמפייר סטעיט פלאזא גענערירט אסאך אפפאל, אסאך פון וואס קען ווערן אומגעלייטעט דורך בעסערע ריסייקלינג און קאמפאסטן פראקטיצירונגען. גאווערנער Hochul (האקול) שלאגט פאר פארברייטערן אפפאל אומלייטונג באמיהונגען ביי עמפייר סטעיט פלאזא מיט פרישע שילדן, סטראטיגיש

פלאצירטע מיסט קאנעס, פרי-קאנסיומער עסנווארג אפפאל זאמלונג און אפאל אודיטס. סוקסעספולע איינפירונג וועט אלץ א מאדעל פאר אנדערע סטעיט איינריכטונגען, צייגענדיג עפעקטיווע אפפאל פארוואלטונג און נאכהאלטיגקייט פראקטיצירונג.

**אויפנעמען פרישע טאלאנט און מאדערניזירן די ציווילע סערוויס סיסטעם**
גאווערנער Hochul (האקול) איז פארפליכטעט צו ציען און אנהאלטן פובליק סערוויס איינגעשטעלטע דורך פארלענגערן די הייערינג פאר עמערדשענסי באגרעניצטע פלאצירונג לענגאויס די סטעיט ( Hiring for Emergency Limited Placement Statewide, NY HELPS) פראגראם, אפרופענדיג ציווילע סערוויס פארהער פיס, און אנהייבענדיג א איבערן סטעיט באקאנטקייט קאמפיין צו פראמאטירן געלעגנהייטן אין פובליק סערוויס. אין צוגאב, א נייע ניו יארק סטעיט דשאבס פארטאל און אפליקאציע טרעקינג סיסטעם (Jobs Portal and Application Tracking System) וועט פארגרינגערן אויפנעמען, מאדערניזירן די הייערינג פראצעס און פארבעסערן עפיציענץ אין די ציווילע סערוויס סיסטעם.

פארמערן צוטריט צו רעגירונג סערוויסעס
גאווערנער Hochul (האקול) וועט אינטערנעמען א רייע פון איניציאטיוון וועלכע פארמערן צוטריט צו רעגירונג סערוויסעס צום ערשט, גאווערנער Hochul (האקול) וועט איינפירן א פילאט פראגראם צו אינסטאלירן סעלף סערוויס קיאסקן אין היגע געבריכן געמיינדעס צו צושטעלן צוטריט צו פובליק בענעפיטן ווי די ספעציעלע סופלעמענטל נערונג פראגראם פאר פרויען, ניי געבוירענע, און קינדער (Special Supplemental Nutrition Program for Women, Infants and Children (WIC)), סופלעמענטאל נערונג פראגראם (Supplemental Nutrition Program, SNAP), און טשיילד קעיר הילף ביי היגע פארקער לאקאציעס. די פראגראם וועט פארמינערן רייזע און ווארט צייטן ווען צושטעלענדיג מולטי שפראך הילף און גרינגערע צוטריט צו וויכטיגע רעסארסן. די גאווערנער וועט אויך פאראויסריקן לעגיסלאציע צו פארמערן עפיציענץ פון די דיוויזיע פון מענטשליכע רעכטן ( Division of Human Rights) אנקלאגע פראצעס און וועט מאדערניזירן די אפיס פון געליטענע סערוויסעס ( Office of Victims Services) קלעימס הילף פראגראם צו פארבעסערן צוטריט און עפיציענץ פאר פארברעכן געליטענע.

**פארשטערקערן אונזער דיגיטאלישע אינפראסטרוקטור**

**מאנדאטירן באריכטן פון לאקאלע רעגירונג סייבער אינצידענטן**
דורך די מיטגעטיילטע סערוויס פראגראם, גאווערנער Hochul (האקול) נטו צוגעשטעלט לאקאלע רעגירונגען מיט געצייג און סערוויסעס צו באשיצן זייער סיסטעמען. די טעכנעלאגיעס העלפן אבאכט געבן און רעאגירן צו סייבער דראונגען אין עכטע צייט, פארזיכערענדיג רעגירונג סערוויסעס קענען זיין בעסער באשיצט. ניו יארק סטעיט האט געמאכט פארשריט אין פארבעסערן סייבער זיכערהייט דורך די און אנדערע באמיהונגן, אבער א קריטישע לאך בלייבט איבער וויבאלד לאקאלע רעגירונגען זענען נישט פארלאנגט צו באריכטן סייבער זיכערהייט אינצידענטן צו די סטעיט. די אויף צייט נאטיפיקאציע פון סייבער זיכערהייט אינצידענטן וועלכע ווירקן אויף לאקאלע רעגירונגען איז גאר וויכטיג צו ערמעגליכן פאר ניו יארק סטעיט צו בויען באקאנטשאפט איבער סייבער דראונג אקטיוויטעטן איבערן סטעיט און שאפן א גרונטליכע דראונג בילד וועלכע העלפט באשיצן רעגירונג סערוויסעס און באשיצט אלע ניו יארקער. צו אדרעסירן דעם פראבלעם, גאווערנער Hochul (האקול) וועט פארשלאגן לעגיסלאציע פארלאנגענדיג לאקאלע רעגירונגען צו באריכטן סייבער זיכערהייט אינצידענטן און אויסלייז באצאלונגען דורך א צענטראלעזירטע מעכאניזם. די לעגיסלאציע וועט מאנדאטירן די באריכטונג פון באצאלונגען געמאכט צו סייבער קרימינאלן, פארבעסערענדיג די סטעיט'ס מעגליכקייט צו ענטפערן צו דראונגען, באשיצן קריטישע אינפראסטרוקטור און פארמינערן סייבערזיכערהייט ריזיקעס איבער די סטעיט.

**פארלאנגן סייבער זיכערהייט באקאנטשאפט טרענירונג פאר רעגירונג איינגעשטעלטע**

סייבער זיכערהייט באקאנטשאפט טרענירונג איז קריטיש צו באשיצן רעגירונג סיסטעמען אקעגן פארמענדיג סאפיסטיקירטע דראונגען. ניו יארק סטעיט שטעלט צו מאדערנע סייבער זיכערהייט באקאנטשאפט טרענירונג צו עקזעקעטיוו ברענטש איינגעשטעלטע, מיט פארלאנגטע יערליכע פארענדיגונג. גאווערנער Hochul (האקול) שלאגט פאר צו פארברייטערן די פארלאנג צו לאקאלע רעגירונגען און וועט צושטעלן טרענירונג אומזיסט. די סטעיט וועט צושטעלן אומזיסטע טרענירונג אנליין, פארזיכערענדיג אייניגע צוטריט און פארשטערקערן די סייבער זייכערהייט שטאנדהאפטיגקייט פון רעגירונג אפעראציעס און סערוויסעס איבער די סטעיט.

**פארבעסערן די זיכערהייט פון נעטווארקס איבער די סטעיט**

די סייבער דראאונגען ניו יארקער זענען אויסגעשטעלט צו זענען קיינמאל נישט געווען מער אין צאל, מער סאפיסטיקירט אדער מער שעדליך. אונטער גאווערנער Hochul'o (האקול) פירערשאפט סיגניפישע פארשריט איז געמאכט געווארן צו פאראויס ריקן די סייבער זיכערהייט און שטאנדהאפטיגקייט פון סטעיט און לאקאלע רעגירונג נעטווארקס אלץ טייל פון איר פאלק-פירענדע גאנצע סטעיט סייבער זיכערהייט סטראטעגיע. נאך אינוועסטירונגען אין די אפיס פון אינפארמאציע טעכנעלאגיע סערוויסעס (Office of Information Technology Services, ITS) וועט ערלויבן די סטעיט צו ווייטער נוצן הויך עפעקטיווע סייבער געצייג צו העלפן באשיצן סטעיט און לאקאלע רעגירונגען און ווייטער אנטוויקלן א פעיגער, דינאמישע און פארפליכטעט ארבעטקראפט.

גאווערנער Hochul (האקול) וועט בויען אויף איר היסטארישע אינוועסטירונגען אין טעכנעלאגיע און סייבער זיכערהייט צו פארזיכערן אז ITS האט די געדארפטע רעסארסן צו ווייטער פאראויס ריקן סייבער זיכערהייט און שטאנהאפטיגקייט נאך צו קומען די נייע, שעדליכע סייבער דראונגען אונז זענען אויסגעשטעלט צו. די אינוועסטירונגען וועלן העלפן פארזיכערן ניו יארק' סטעיט'ס טעכנעלאגיע אינפראסטרוקטור איז אנגעהאלטן, סייבער ריזיקע איז פארמינערט איבערן סטעיט און די גאנצע סטעיט סייבער זיכערהייט סערוויסעס טוהן ווייטער העלפן באשיצן סטעיט און לאקאלע רעגירונגען פון טוישענדיגע דראונגען.

**פארגרעסערן און פארברייטערן פובליק בראודבענד און סעל סערוויס**

בויענדיג אויף די פובליק בראודבענד אינפראסטרוקטור ארבעט וואס גאווערנער Hochul (האקול) האט אינטערגענומען איבער די לעצטע פאר יאר, די גאווערנער וועט אנהייבן די עקסעלסיאר בראובענד נעטווארק, א נייע איבערן סטעיט פובליק בראודבענד נעטווארק מיט די ציל צו דעגרייכן פון באפעלא ביז פלעטסבורג דורך סיראקיוז און אלבעני צו בינגהאמטאון און ניו יארק סיטיט, און די מאביל סערוויס פארבינדונג איניציאטיוו. די עקסעלסיאר בראודבענד נעטווארק וועט בויען און פארבינדען א נעטווארק פון פובליק בראודבענד פארמעגן איבער די סטעיט, און די ערשטע באשטיינדעל וועט זיין א נייע פייבער ליניע וועלכע לויפט די פולע לענג פון די ניו יארק טרו-וועי. די סטעיט-פון-די-ארט פייבער נעטווארק לענגאויס די ניו יארק טרו-וועי וועט פארבעסערן הויכע שנעלקייט אינטערנעט און פאראנטווארטליכע סעל פאון סערוויס איבער רוראל און אורבען טיילן פון די סטעיט.

**צושטעלן ארטיפישעל אינטעליגענץ פעיגקייט פארבעסערונג פאר סטעיט ארבעטקראפט**

ארטיפישעל אינטעליגענץ (AI◌̈) טרענירונג, עדוקעישען און פעיגקייט אנטוויקלונג קען העלפן ארבעטער מיט העכערע מאביליטי און צו פארשטיין וויאזוי AI קען אטאמאטירן געוועגליכע אויפגאבעס און פארמערן פראדוקטיוויטי. גאווערנער Hochul (האקול) וועט פירן דורך ביישפיל דורך פארזיכערן די סטעיט ארבעטראפט האט צוטריט צו טרעינירונג איבער וויאזוי צו פאראנטווארטליך נוצן AI, ספיציעל אלץ פובליק סעקטאר איינגעשטעלטע. די גאווערנער וועט אנווייזן פאר די אפיס פון אינפארמאציע טעכנעלאגיע סערוויסעס (ITS) צו אראויס געבן AI טרענירונג צו ITS-געשטיצטע סטעיט ארבעטקראפט איינגעשטעלטע. טרענירונג וועט צושטעלן איינפאכע עדוקאציע איבער וויאזוי AI קען ווערן גענוצט זיכערהייט אין די ארבעטפלאץ צו פארבעסערן פראדוקטיוויטי און עפיציענץ. ITS וועט קאמפלעמענטירן

די פראגראם מיט א פארזיכערטע און קאנטראלירטע גענעראטיווע AI געצייג פאק צו העלפן סטעיט איינגעשטעלטע מיט הענט-און אפליקאציע פון די טרענירונג.

**אננעמען פאר ניו יארקער**

**צוזאמברענגען די עמפייער סטעיט פרייהייט (Empire State Freedom) איניציאטיוו**
גאווערנער Hochul (האקול) און אטארני גענעראל James (דשעימס) האבן צוזאמגעברענגט די עמפייער סטעיט פרייהייט איניציאטיוו צו אפצוהיטן ניו יארקער פון פארשידנארטיגע פאליסי און רעגולאציע זארגן וועס קענען קומען פון די נייע פירערשאפט אין די ווייסע הויז און קאנגרעס. פארשטייער פון די גאווערנער׳ס אפיס פון פעדעראלע אנגעלעגנהייטן (Office of Federal Affairs), די אפיס פון די קאונסעל (Office of the Counsel), די דעפארטמענט פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Department of Homeland Security and Emergency Services) , די ניו יארק סטעיט אמיס פון די אטערני גענעראל (Office of the Attorney General) און אנדערע רעלעוואנטע אגענטורן ארבעטן צוזאמען צו אנאלאזירן פאטענציאלע סטאטוארי, רעגולאטארי און פיסקאלע אויסגעשטעלטקייטן. שטאב וועלן ווערן באויפטראגט צו אידענטיפיצירן אקטיווע מיטלען וועלכע ניו יארק סטעיט און אירע אגענטורן קענען נעמען דורך סטעיט לעגיסלאטור, מאכן געזעצן, באשטימונגען און צוזאמענארבעט מיט ניו יארק׳ס קאנגרעסיאנאלע דעלעגאציע.

גאווערנער Hochul (האקול) האט געמאכט מאדערניזירן און פארבעסערן סטעיט אפעראציעס א סיגניטשער פאקוס פון איר צייט אין רעגירונג. אנערקענענדיג די וויכטיגקייט פון א קאסטומער-פאקוסירטע רעגירונג, גאווערנער Hochul (האקול) האט אויך גרינגער געמאכט סערוויסעס צו פארבעסערן די איבערלעבעניש פאר איינוואוינער איבער די סטעיט דורך צומאכן לעכער, פארמינערן די צייט שטייער יאך פאר ניו יארקער, פארבעסערן אפערירונג עפיציענטן און פארבעסערן אנליין סערוויסעס אזוי אז זיי זענען מער באנוצער פריינטליך. גאווערנער Hochul׳s (האקול׳ס) אדמיניסטראציע האט:

- אנגעפירט א קאסטאמער איבערלעבעניש צוגאנג צו רעגירונג אפעראציעס, אריינגערעכנט מאכן קריטישע טוישונגען צו שנעלע ליפערונג פון בענעפיטן, מאדערניזירן וועבזייטלעך און פראמאטירן גרעסערע צוטריט פון גאווערמענט רעסארסן.
- איינגעפירט א גאנצע-סטעיט סייבערזיכערהייט סטראטעגיע אריינגערעכנט אנטוויקלען די ניו יארק סטעיט געמיינזאמע זיכערהייט אפעראציעס צענטער (Joint Security Operations Center) און ליפערן מיטגעטיילטע סערוויסעס פאר לאקאלע רעגירונגען.
- איבערגעמאכט צוריקגעשטאנענע דיפארטמענט פון מאטאר וויקעלס סיסטעמען צו סיגניפיש פארבעסערן די אגענטור׳ס מעגליכקייט צו פארשנעלערן קאסטאמער אינטעררעאגירונגען.
- נידריגע געמאכט צוימונגען צו צוטריט צו וויכטיגע רעגירונג פראגראמען דורך פארגרינגערן צו איינשרייבן אין די ספעציעלע סופלעמענטל נערונגפראגראם פאר פרויען, ניי געבוירענע, און קינדער, סופלעמענטאל נערונג פראגראם, און טשיילד קעיר הילף.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן